**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/19/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול אנאנסירט אז מער פון 6 מיליאן דאלאר זענען דא צו באקומען פאר חיות שעלטער פארבעסערונג פראיעקטן

***די שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע איז דער ערשטער סטעיט-פינאנצירטע פראגראם אין דאס לאנג צו שטיצן קריטישע פארבעסערונג פראיעקטן ביי חיות שעלטערס***

***פערטע רונדע פון די שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע טוט פארזעצן צו שטיצן קאנסטרוקציע, רענאוואציע און פארברייטערונג פראיעקטן***

***צום ערשטן מאל, זענען ארגאניזאציעס וועלכע האבן שוין פארענדיגט פראיעקטן בארעכטיגט צו אפלייען נאכאמאל***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז איבער 6 מיליאן דאלאר איז דא צו באקומען צו שטיצן קריטישע פארבעסערונגען צו ניו יארק'ס חיות שעלטערס. דאס איז די פערטע רונדע פון פינאנצירונג פאר ניו יארק סטעיט'ס שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע (Companion Animal Capital Fund, CACF) וואס העלפט בארעכטיגטע ארגאניזאציעס צו מאכן גרויסע פארבעסערונגען צו זייערע איינריכטונגען און צו פארבעסערן קעיר און געזונט פאר חיות. צום ערשטן מאל, זענען שעלטערס וועלכע האבן שוין באקומען געלטער אין די פארגאנגענהייט דורך דעם פראגראם און האבן פארענדיגט זייערע פראיעקטן בארעכטיגט צו אפלייען נאכאמאל. אין צוגאב איז טייל פון די געלטער ספעציעל געווידמעט פאר ארגאניזאציעס אין ראיאנען וואו עס זענען נישטא גענוג שעלטער פאר שטוב חיות.

"דורכאויס די פאנדעמיע איז די צאל שטוב חיות וועלכע זענען אדאפטירט געווארן געשטיגן גאר אסאך, דעמאנסטרירנדיג ווי וויכטיג חיות קעיר ארגאניזאציעס זענען אין אונזער וועלט, פאר מענטשן און חיות צוגלייך", **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "די לעצטע רונדע פון די שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע וועט העלפן פארשטערקערן ניו יארק'ס שעלטערס דורכן גיבן פאר ארבייטער און וואלונטירן די כלים און רעסארסן וואס זיי דארפן צו העלפן די חיות וואס זענען אין זייער קעיר דורכאויס די גאנצע יאר."

די היינטיגע אנאנסירונג ברענגט די סך הכל געלטער וואס זענען געווידמעט געווארן פאר דעם פראגראם צו איבער 20 מיליאן דאלאר זינט 2017. זינט דער פראגראם האט זיך געעפנט, האבן 41 פראיעקטן איבער ניו יארק סטעיט באקומען געלטער און 20 פראיעקטן זענען פולשטענדיג פארענדיגט געווארן.

די שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע ווערט פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets). דער פראגראם גיבט מעטשינג פאָנדס אויף א קאנקורירנדע אופן צו אנטשיידיגן ארגאניזאציעס פאר די קאסטן פארבינדן מיט אינוועסטירונג פראיעקטן, ערלויבנדיג בעסערע קעיר און פארבעסערטע ענווייראמענטן פאר חיות וועלכע ווערן געהאלטן אין לאקאלע שעלטערס. געלטער זענען דא צו באקומען פאר בארעכטיגטע אינקאָרפּארעיטעד און מוניציפאלע חיות שעלטערס, פּאַונדס און אין רחמנות'דיגע געזעלשאפטן

(humane societies). גרענטס קענען גענוצט ווערן צו בויען, רענאווירן, איבערמאכן אדער איינקויפן געביידעס און עקוויפמענט וועלכע זענען נויטיג צו צושטעלן א היים פאר – זיך אפגעבן און באהאנדלען – הינט און קעץ אין שעלטערס.

צוויי איינלאדענונגען פאר פארשלאגן (Request for Proposal, RFP) זענען ארויסגעגעבן געווארן אין די פעריטע רונדע פון דעם פראגראם:

- **RFP 0255:**
    - 4.25 מיליאן דאלאר איז דא צו באקומען צו שענקען גרענטס צווישן $50,000 און $500,000 פאר מוניציפאלע און אינקאָרפּארעיטעד נישט-פאר-פארדינסט פּאַונדס, שעלטערס און רחמנות'דיגע געזעלשאפטן וועלכע ווערן אנגעפירט דורך – אדער אונטער א קאנטראקט מיט – א לאקאלע רעגירונג.
        - קערפערשאפטן וועלכע זענען געשאנקען געווארן דורכאויס פאריגע שטוב חיות אינוועסטירונג פראיעקטן געלטער געלעגנהייטן זענען בארעכטיגט צו אפלייען פאר געלטער אונטער די RFP. פראיעקטן וועלכע זענען פינאנצירט געווארן בעפאר מוזן פארענדיגט ווערן בעפאר א קערפערשאפט קען אפלייען פאר געלטער.
- **RFP 0258:**
    - 1.8 מיליאן דאלאר איז דא צו באקומען אין גרענטס צווישן $50,000 און $200,000 פאר פאונדס, שעלטערס און רחמנות'דיגע געזעלשאפטן וועלכע ווערן נישט אנגעפירט דורך – אדער אונטער קאנטראקט מיט – א לאקאלע רעגירונג אבער זענען רעגיסטרירט ביי די דעפּארטמענט.

אלע אפליקאנטן מוזן אפלייען דורך די [Grants Gateway](https://grantsgateway.ny.gov) וועבזייטל ביז 4:00 נאכמיטאג, יאנואר 25, 2022. מער דעטאלן איבער בארעכטיגונג און וויאזוי צו אפלייען קענען געפונען ווערן ביי [agriculture.ny.gov/funding-opportunities](https://agriculture.ny.gov/funding-opportunities).

**סטעיט אגריקולטור קאמישאנער ריטשארד א. באל האט געזאגט,** "ניו יארק'ס שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע מאכט אמת'דיג אויס פאר חיות שעלטערס דורכאויס די סטעיט. עס איז אונז א פארגעניגן און מיר זענען שטאלץ צו זעהן די געלטער ווערנדיג פארגעזעצט כדי מיר זאלן קענען בויען אויף דעם פראגראם'ס סוקסעס און פארזעצן צו שטיצן געזונטע שטוב חיות אין די צייט ווען זיי ווארטן פאר זייערע נייע היימער."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די ניו יארק חיות באשיצונג פעדעראציע (New York Animal Protection Federation), ליבי פּאָוסט, האט געזאגט,** "די היי-יאריגע שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע'ס RFP פאר 5 מיליאן דאלאר אין גרענטס צייכנט אפּ א 20 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג דורך די סטעיט אין אונזער נעטווארק פון חיות שעלטערס. די פעדעראציע דאנקען גייען ארויס צו גאווערנאר האקול און צו אונזערע לעגיסלאטיווע טשאמפיאנען אסעמבלי מיטגלידערין דעבארע גליק, סטעיט סענאטאר דזשאָוסעף אבאדאָו, אסעמבלי אגריקולטור קאמיטע (Assembly Agriculture Committee) טשעיר פרוי, דאָנע לופּאַרדאָו און צו סטעיט סענאט אגריקולטור טשעיר מישעל הינטשי — אין זייערע באמיאונגען, וואלט די קאסע עס מעגליך נישט געמאכט צוריק אריין אין די בודזשעט. איך האב באזוכט צוויי נייע שעלטערס – Susquehanna SPCA אין קופּערסטאַון און די SPCA פון וועסטשעסטער און ברייערקליף – ביידע פון וועלכע האבן אויסגענוצט זייער $500,000 מעטשינג פאָנדס CACF גרענט צו אנהויבן זייערע אינוועסטירונג קאמפּיין באמיאונגען. די שעלטער'ס הערליכע איינריכטונגען שטעלן צו דאס בעסטע קעיר פאר די היימלאזע חיות, שאפנדיג א נייע דעסטינאציע אין זייער קאמיוניטי פאר מענטשן

וועלכע ווילן זיי אדאפטירן, און זיי שטעלן אוועק נייע סטאנדארטן פאר חיות קעיר איבערן סטעיט. די פעדעראציע'ס אויפקלערונג קאסע קוקט ארויס נאכאמאל צו צושטעלן גרענט שרייבער פאר נידעריגע קאסטן צו העלפן אונזערע מיטגלידער מיטן פארגרינגערן די RFP פראצעדור."

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "די שטוב חיות אקציע קאסע איז א וויכטיגע פראגראם וואס פארברייטערט די פיל-נויטיגע שטיצע פאר אונזערע לאקאלע חיות שעלטערס, וועלכע פארלאזן זיך בעיקר אויף ביישטייערונגען און אויף שווער ארבעטנדע וואלונטירן וועלכע שטעלן צו ליבנדע קעיר פאר חיות אין זייערע שוואכסטע מאמענטן. אלץ אגריקולטור טשעירפרוי, בין איך געווען שטאלץ צו שתדל'ן פאר דעם פראגראם אין די סטעיט בודזשעט, און איך באדאנק גאווערנאר האקול פארן דאס צושטעלן דורך די לעצטע רונדע פון גרענט געלטער כדי חיות שעלטערס איבער ניו יארק סטעיט זאלן קענען פארזעצן צו צושטעלן די הויכע קוואליטעט קעיר פאר היימלאזע חיות ווען זייווארטן מיט אייפער אויף זייער אייביגע היים."

**אסעמבלי פרוי דאַנע לופּאַרדאָו האט געזאגט,** "ניו יארק'ס שעלטערס ארבעטן מידלאז צו גיבן די בעסטע קעיר פאר חיות אין די צייט ווען זיי ערווארטן אז מען זאל זיי אדאפטירן. די שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע איז קריטיש צו העלפן שעלטערס מאכן גאר נויטיגע פארבעסערונגען. נייע, פארברייטערטע און רענאווירטע איינריכטונגען וועלן העלפן שעלטערס פארזעצן צו צושטעלן פאר הינט און קעץ קעיר פון די העכסטע קוואליטעט. איך וויל באדאנקען די גאווערנאר און מיינע קאלעגען פאר זייער אנגייענדע שטיצע פאר ניו יארק'ס שעלטערס און שטוב חיות וועם זיי דינען."

די ניו יארק סטעיט חיות באשיצונג פעדעראציע שאצט אפ אז מער פון 150,000 חיות ווערן געברענגט צו די איינריכטונגען יערליך און פילע ווערן אדאפטירט דורך ניו יארקע פאמיליעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov